NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13327

DERLANG SOVETISHE

V. Zarzar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ו. זארזאר

MICROFORM

דערלאנג סאָוועטישע דיריזשאבלען!

צענטראלער פעלקער־פארלאג פונ פ.ס.ס.ר.
מאָסקווע — כארקאָוו — מינסק — 1931
ווײַסרוסישע אָפּטײלונג

דרוקעריי א. נ. סטאלין

באשטעלונג 238. טיראזש 4000. גלאווליטבעל 291.

וואָס איז אזוינס א דיריזשאבל?

די לופט, מיט וועלכער עס איז ארומגערינגלט די ערד, האָט א וואָג און שטייפקייט. אפ דידאָזיקע אייגנשאפטן פון דער ערד־אטמאָספער איז באגרינדעט דאָס, פליִען און די לופטשווימעריי.

די אפאראטן, וואָס זיינען שווערער פון לופט—די עראָפּלאַ־נען,—אויסנוצנדיק די צוזויפגעפרעסטקייט פון לופט, שפארן זיך ווי אָן אפ איר און באוועגן זיך אדאנק דער אונטערהאלטנדיקער און ציִענדיקער קראפט, וואָס באקומט זיך אין רעזולטאט פון דער ארבעט פון די שרויפן (פּראָפּעלערס).

די אפאראטן, וואָס זיינען לייכטער פון לופט—די אעראָסטאטן און דיריזשאבלען—באנוצן זיך מיט דעם, וואָס די לופט אונטן איז צוזויפגעפרעסטער און שווערער ווי אינדערהויך, איבער דער ערד. זיי ווערן אָנגעפילט מיט א ספּעציִעלן גאז, אסאך א גרינ־גערן פון דער לופט. אדאנק וועלכן זיי ווערן ארויסגעשטויסן פון די אונטערשטע, מער צוזויפגעפרעסטע אטמאָספער־שיכטן און שווימען ארופ אפ אויבן.

דער ספערישער אעראָסטאט („לופט־באלאָן"), אופהייבנדיק זיך אינדערהויך, באוועגט זיך מיט דער קראפט פון ווינט. ער קאָן ניט פריי ענדערן די ריכטונג און שנעלקייט פונעם פליִען, קאָן זיך ניט באוועגן קעגן ווינט און געפינט זיך ניט דעריבער אין דער מאכט פון דער סטיכיע.

צום אונטערשייד פונעם עראָסטאַט איז דער דיריזשאַבל א לופט־שווימענדיקע שיף. א דריי צופּאַסונגען העלפן אים בײַטן די ריכטונג און פליען ניט נאָר מיטן ווינט, נאָר אויך קעגן אים.

די הויפּט־טיילן פון דיריזשאַבל זײַנען: 1. א הײַטל, 2. סטאַבי־ליזאַטאָרן און רודן, 3. שרויף־מאָטאָרישע גרופּע, 4. אָנפירונג־גאָנדאָלע.



1. א סטרינגער. 2. א שפּאַנהאָלץ. 3. גאַזבאַלאָן. 4. דעם אינעווייניקסטן הײַטל. 5. דער דיוק. 6. די גאָנדאָלע. 7. די קאַבינע. 8. אַן אָפּטײַל. 9. דער קאָרידאָר. 10. א מאָטאָר־גאָנדאָלע. 11. א שרויף. 12. דער ווערטיקאַלער סטאַביליזאַטאָר. 13. דער ווענדרודער. 14. דער פּלאַץ. 15. דער גאַז.

אדאנק דעם לײַכטן גאז, מיט וועלכן עס ווערט אָנגעפילט די הײַטל, באַקומט די לופט־שווימענדיקע שיף א באַשטימטע הייב־קראַפט און הייבט אויף ניט נאָר זיך אליין, נאָר נעמט מיט זיך אויך א באַשטימטע אָנלאָדונג מענטשן און וועלכע ניט איז מאַסע. מיט דער הילף פון די סטאַביליזאַטאָרן („שווימערס") און רודן נעמט אָן דער דיריזשאַבל אינדערלופטן א שטאַנדהאַפטיקע לאַגע און בײַט די ריכטונג פון פליען. די שרויף־מאָטאָרישע גרופּע באַשטייט פון מאָטאָרן פון אינערלעכן ברענען, וועלכע ווערן באַהייצט מיט בענזין, בענזאָל, נאַפט און גאַז.

די מאָטאָרן ווערן געוויינטלעך אײַנגעאָרדנט אין באַזונדערע גאָנדאָלעס, וועלכע ווערן געמאַכט אונטערן הײַטל און בא די

זײַטנ. די מאָטאָרנ ברענגענ אינ באַוועגונג די שרויפנ, וועלכע צווינגענ די גאַנצע שיפ זיכ באַוועגנ. אינ דער גאָנדאָלע זײַנענ אײַנגעאָרדנט פאַרשײדענע מאַכשירימ אונ הײבערס אָפּ אָנפירנ מיט דער שיפ: מיט איר גרענעצנ זיכ לאָקאַלנ פאַר פּאַסאַזשירנ אונ אַנדערע.

א לענגלעכע פאָרמ (זעט אויס ווי א סיגאַר) איז אַמערסטנ באַקוועמ פאַרנ דיריזשאַבל. די לופט נעמט אימ בעסער אַרומ, אונ דעריבער פילט דער דיריזשאַבל ווייניקער איר ווידערשטאַנד. די מעכטיקע מאָטאָרנ אונ לײַכטע אָנפירונג מאַכנ בײַ לופט־שיפ פאַר אײנעמ פונ די מער פאַרפולקאָמטע מיטלענ צומ באַוועגנ זיכ אינדערלופטנ, אונ דעריבער קאָנ ער שפּילנ א גרויסע ראָלע, ווי אינ דער פאָלקווירטשאַפט, אַזוי אויכ אינ דער מיל־כאָמע.

וואָס פאַר א דיריזשאַבלענ זײַנענ פאַראַנ.

עס זײַנענ פאַראַנ דיריזשאַבלענ פונ דרײַ גרונט־מינימ: ווייכע, האַלב־האַרטע אונ האַרטע.

די ווייכע דיריזשאַבלענ שיידנ זיכ אונטער פונ די איבעריקע מיט דעמ, וואָס זייער הײַטל האָט ניט קײנ אינער־לעכנ האַרטנ סקעלעט.

קעדיי די פאָרמע פונ הײַטל זאָל זיכ ניט בײַטנ, ווערנ אינ דיריזשאַבל אַרײַנגעלײגט באַזונדערע זעקלעכ (באַלאָנעטנ), וועלכע ווערנ אָנגעפילט מיט לופט.

די האַלב־האַרטע דיריזשאַבלענ האָבנ אויכ א ווייכע הײַטל, נאָר קעדיי די פאָרמע פונ דיריזשאַבל זאָל זיכ ניט ענדערנ אונ קעדיי גלײַכמעסיק צו פאַרטײלנ די אָנלאָדונג אינ אימ, געפינענ

זיכ אינפּחייניק אינ הײַכל פאַרשיידענע געבײַדנ פונ מעטאַל אָדער אנדערע הארטע מאטעריאַלנ (די אונטערשטע פערמע־קאַרקאַס).

די הארטע דיריזשאבלענ זײַנענ די אמערסטנ פאַרפּולקאָמטע לופט־שווימענדיקע שיפנ. זיי האָבנ א מעכאַלענעם (דיוראַליומי־נענעם) אָדער שטאָלענעם געשטעל (סקעלעט) — קאַרקאַס, וואָס איז צעטיילט אפ עטלעכע אָפּשניטנ. אינ די אָפּשניטנ געפינענ זיכ באַלאָנענ מיט גאַז.

דער קאַרקאַס ווערט באַדעקט מיט א הײַטל, וועלכע באַשטייט פונ א לײַכטער געוועב, וואָס לאָזט ניט דורכ קיינ גאַז (געווײַנט־לעכ געגומעוועטע באַוולנע שטאָפ).

כוץ די הארטע דיריזשאבלענ עקזיסטירנ נאָכ די אַזויגערופענע ריינ־מעטאַלענע לופט־שווימענדיקע שיפנ, וואָס זייער הײַטל איז אינגאַנצנ געבויט פונ לײַכטע שמעלצונגענ פונ מעטאַלנ אונ קאָנ דעריבער אײַנהיטנ איר פאָרמ אָנ א קאַרקאַס, אָדער מיט דער הילפ פונ א מער פּאָשעטנ געבוי פונ דעמ קאַרקאַס.

אַזוי ארומ שיידט זיכ דער דיריזשאבל זייער שטאַרק אונטער פונ אנדערע אפּאַראַטנ, לײַכטערע פונ דער לופט, וואָס האָבנ ניט וועלכע ניט איז אָנפירונג־אָרגאַנענ אונ באַוועג־מאַשינעס.

די צוגעבונדענע „שלענגלדיקע" אַעראָסטאַטנ הייבנ זיכ אופ אונ לאָזנ זיכ אראָפּ מיט דער הילפ פונ א „טראָס", וועלכער וויקלט זיכ פאַנאַנדער באַמ אופהייבנ זיכ, אונ באַמ אראָפּלאָזנ פאַרוויקלט ער זיכ אפ א וואַל (Лебедка).

די ספּערישע אַעראָסטאַטנ צומ פרײַעמ פליִענ הייבנ זיכ אופ אינדערהויכ פרײַ; אז זיי דערגרייכנ די גרעסטע הייכ, ווו די וואָג פונ אַעראָסטאַט ווערט גלײַכ צו דער וואָג פונ דער ארויסגע־שטויסענער לופט, קריגנ זיי א גלײַכגעוויכט אונ באַוועגנ זיכ אינ יענער זײַט, ווּהינ עס טראָגט זיי אָפּ דער ווינט.

דער אעראָסטאט קאָן ארומשווימען העכער פון דעם פונקט טונעם געגעבענעם גלייכגעוויכט, ווען מע זאָל ארויסוואַרפן א טייל פון באלאסט (זאמד, וואסער), און ער ווערט דריבער ווערן גרינגער.

ער קאָן זיך אראָפלאָזן נידעריקער, ווען ער וועט ארויסלאָזן א טייל גאז און מיט דעם אליין פארקלענערן די הייב־קראפט, וועט ער ווערן שווערער.

באנוצנדיק זיך מיט דעראָזיקער מעגלעכקייט, קלייבט דער פליער אויס יענעם פלאסט אטמאָספער (לופט), אין וועלכן דער ווינט באוועגט זיך אין דער נייטיקער ריכטונג און רוקט זיך איבער צוזאמען מיט אים מיט זיין שנעלקייט.

צוליב אָט די אלע כעסרוינעס דינען די צוגעבונדענע און ספע־רישע אעראָסטאטן פארן פרייען פליען אָפ דערלערנען פארשיי־דענע שיכטן אטמאָספער, אָפ ספאָרט און אלס אויסקוק־הייכן; זיי הענגען מער אָפ פון דער סטיכיע איידער פון דעם באוווסט־זיניקן ווילן פון מענטשן.

> פארקערט, דער דיריזשאבל איז אינגאנצן אן אומאָפ־הענגיקע שיף, קען פליען אין יעטווידער ריכטונג, אויס־נוצן די באגלייטנדיקע ווינטן אָפ פארגרעסערן די אייגענע שנעלקייט.

מיט וואָס שיידן זיך אונטער די דיריזשאב־לען פון אעראָפלאנען.

דער דיריזשאבל איז, פונקט ווי דער אעראָפלאן, א שיף, וואָס ווערט אָנגעפירט און האָט אין דערועלביקער צייט אלע מעלעס פון א פלי־אפאראט, וואָס איז גרינגער פון לופט.

קוידעמקאָל האָבנ די עראָפּלאַנען ניט קיין „הינטערשטנ גאַנג“, און דעריבער קאָנען זיי זיך באַוועגנ נאָר פאָרויס.

די דיריזשאַבלען, באַ אָפּגעשטעלטע מאָטאָרנ, קאָנ דער ווינט אָפּטראָגנ אויך אַפּצוריק.

באַם אָפּשטעלנ די מאָטאָרנ איז דער עראָפּלאַנ געצוווּנגענ אויפהערנ צו פליִענ און ווערט אומבאַדינגט זיך אַראָפּלאָזנ גלײַכ־מעסיק אַפ דער ערד. דער דיריזשאַבל אָבער קאָנ באַם אָפּשטעלנ די מאָטאָרנ ניט אויפהערנ צו פליִענ און קאָנ פאָרזעצנ פליִענ, אויסנוצנדיק די לופט־שטרעמונגען.

דער עראָפּלאַנ שטייט ניט אַפ איין אָרט, דער דיריזשאַבל אָבער קאָנ זיך אָפּשטעלנ און פאַרקירצנ זײַנ פלי־שנעלקייט ביז דער קלענסטער גרייס. לעסאָף האָט דער דיריזשאַבל אַ גרויסנ פאַרנעם, נעמט אַרײַנ אַסאַך גאַז, פאַרמאָגט דעריבער אַ גרויסע הייב־קראַפט און קאָנ דערגרייכנ זייער גרויסע ווײַטקייטנ אינ פליִענ און הייבנ זייער גרויסע מאַסאָעס, וואָס שטײַגנ באַדײַטנ־דיק אַריבער די ווײַטקייט פונעם פליִענ און לאַסט־פאַרנעם פונ עראָפּלאַנ.

דאָס אַלצ זײַנען די מײַלעס פונ דיריזשאַבל.

צוזאַמענ מיט דעם האָבנ די דיריזשאַבלען אַ ריי פעלערנ. זיי באַוועגנ זיך לאַנגזאַמער און קאָנען מאַנעווירנ ווייניקער פונ די עראָפּלאַנען. אָנגעפילטע מיט וואַסער־שטאָף (אויפלאַמענדיקע גאַזנ), זײַנען די לאַנגזאַם־גייענדיקע און זייער גרויסע דיריזשאַב־לענ ניט גאָר זיכער אַפ דער מילכאָמע. אויסער דעם זײַנען זיי זייער געפערלעכ אינ פאַל פונ אַ סרייפע (פונ 1900 ביז 1920 י, זײַנען אומגעקומענ פונ בליצנ 4 דײַטשישע דיריזשאַבלענ).

קעגנ דעם איז פאַראַנ איינ מיטל—באַזײַטיקנ די קוואַלנ פונ אויפלאַמונג; פאַרבײַטנ די בענזינ־מאָטאָרנ מיט נאַפט־מאָטאָרנ (די־דאָזיקע אויפגאַבע שטייט אויך פאַר דער אוויִאַציע) און פאַרבײַטנ

די וואסער־שטאָפּ אפּ א באזונדערן, אין א געווּיסן זין שווערערן, נאָר דערפאר ניט אופּלאמענדיקן גאז — העלי (די הייב־קראפט פון 1 קוב. מעטער וואסער־שטאָפּ איז 12 קילאָגראם, פון העלי — 1,1 קילאָגראם).

אָבער דידאָזיקע פעלערן פארקלענערן ניט די באדײַטונג פון דיריזשאבל. ער ווערט באנוצט ניט ווייניקער ווי די אעראָפּלאנען. אפּ אים קאָן מען אריבערוואַרפן אפּ א ווײַטן מעהאלעך גרויסע מאסעס, און דעריבער קאָנען זיי באנוצט ווערן אפּ גרויסע לופט־ליניעס (פּאסאזשיר־ פּאָטשט־ און מאסע־ליניעס), דורך גאנצע אָקעאַנען און גרויסע ערד־שטאָכים.

דיריזשאבלען אפּ דער מילכאָמע.

ווי עס האָט באוויזן די דערפארונג פון דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע פון 1914־1918 יאָרן, שפּילן די דיריזשאבלען א גרויסע ראָלע אויך אפּ דער מילכאָמע.

אַלע מינים דיריזשאבלען קאָנען אויספילן באשטימטע שלאכט־אופגאבעס.

קליינע דיריזשאבלען (ביז 5000 קוב. מעטער דער פארנעם) ווערן באנוצט ספּעציעל אפּ אויספילן בײַגרענעץ־וואך. אויסקוק־דינסט בא די ברעגן, פאטרולירן אפּ א גענוג גרויסן מעהאלעך, באגלייטן יאַם־שיפן און קעמפן מיט די אונטערוואסער־שיפלעך, וועלכע זײַנען, ווי עס איז באוווסט, די געפערלעכסטע סאָנים פון די מיליטערישע שיפן און טראנספּאָרט־שיפן.

מיטעלע דיריזשאבלען (25.000 קוב. מעטער דער פארנעם) פילן אויך אויס אָט די אַלע שלאכט־אופגאבעס, אָבער אויסער דעם קאָנען זיי גיין אין ווײַטע אויסשפּיר, באגלייטן שיפן

אפ זייער א ווײַטנ מעהאלעכ אונ פירנ באָמבארדירונג צוזאמע מיט די יאמ־קױכעס, ווײַטשיסנדיקער ארטילעריע, אוויאציע, אָדער פולקאָמ זעלבשטענדיק.

גרויסע דיריזשאבלענ (העכער 25.000 קוב. מעטער דער פארנעמ) קאָנענ, אויסער דעמ, פירנ ברייטע זעלבשטענדיקע שלאכט־אָפעראציעס אפ דער טריקעניש אונ אפנ יאמ אונ אריבערוואָרפנ מיליטער־דעסאנטנ אפ דער טעריטאָריע פונ דעמ סוינע.

די אָנפאלנ פונ א גאנצער עסקאדרע גרויסע דיריזשאבלענ, באוואָפנטע מיט אעראָ־באָמבעס אונ ארטילעריע, אפ וועלכע ניט איז פונקטנ קאָנענ פארשאפנ גרויסע צעשטערונגענ.

די אימפעריאליסטישע מילכאָמע ברענגט אסאכ בײַשפילנ פונ דער מיליטערישער ארבעט פונ די דיריזשאבלענ.

אינ 1916־טנ יאָר האָט דער דײַטשישער הארטער דיריזשאבל „ל. צ.—104“, מיט א פארנעמ פונ 68.500 קוב. מעטער, געמאכט א גראנדיעזנ איבערפלי פונ דײַטשלאנד אינ אירער א באלאגערטער קאָלאָניע, קעדיי צושטעלנ מיליטערישע מאכשירימ אינ א צאָל פונ 14 טאָנ (1 טאָנ—61 פוד). דערדאָזיקער איבערפלי,— לויטנ מארשרוט דײַטשלאנד—באָלגאריע—טערקײַ—עגיפעט—כארטומ (אפריקע) אונ צוריק,— אפ א שטרעקע פונ 7.000 קילאָמעטער איז אויסגעפילט געוואָרנ אינ פארלויפ פונ דרײַ מעסלעס. דערזעלבער דיריזשאבל האָט אָנטיילגענומענ אינ א ריי לופט־אָנפאלנ אפ דאָרעמ־אייראָפעישנ פראָנט פונ עסטרײַכ־דײַטשישנ מיליטער.

א צווייטער דײַטשישער דיריזשאבל „ל. צ.—54“, מיט א פארנעמ פונ 32.000 קוב. מעטער, האָט אָפערירט אפנ באלטישנ יאמ, האָט אָפגעשטעלט די האנדל־שיפנ פונ סוינע אונ האָט אפילע אראָפגעלאָזנ א שיפל מיט דער קאָמאנדע אפ צושווימענ צומ שיפ אונ קאָנטראָלירנ די דאָקומענטנ.

אינ פארלויפ פונ די מילכאָמע־יאָרנ האָבנ די דײַטשישע דיריזשאבלענ דורכגעפירט 317 שלאכט־אָנפאלנ, פונ זיי ניט ווייניקער ווי 60% פולקאָמ־געלונגענע. אומגעקומענ זײַנענ פונ מיליטערישע אָפעראציעס 40 שיפנ (פונ 100, וואָס האָבנ אָפערירט). צוזאמענ מיט דעמ האָבנ די דײַטשישע דיריזשאבלענ דורכגעפירט 60 אָנפאלנ אפ די ענגלישע אונ פראנצויזישע שטעט אונ אנדערע צענטערס, דערבײַ זײַנענ פונ די צעפעלינ־באָמבעס אומגעקומענ 535 מענטשנ אונ עס זײַנענ פארוואונדעט געוואָרנ 1358 מענטשנ.

די איטאליענישע דיריזשאבלענ פונ קליינעמ מינ (קובאטור) האָבנ גענומענ אנ אָנטייל בײמ דער איטאליעניש־טערקישער מילכאָמע אינ טריפאָלי אינ 1912 יאָר, אונ בײמ דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע פונ 1914־1918 האָבנ זיי דורכגעפירט 50 באָמבארדירונגענ אפנ עסטרײַכישנ פראָנט.

בײמ דער מילכאָמע פונ 1914־1918 יאָרנ איז אינ איטאליענישנ לופט־פלאָט געווענ ניט ווייניקער פונ 17 דיריזשאבלענ, דערהויפט פונ קליינעמ מינ. נאָכ דער מילכאָמע זײַנענ אינ דער באוואָפענונג פונ איטאליענישנ לופט־פלאָט אָנגענומענ געוואָרנ די מיטעלע האלב־הארטע דיריזשאבלענ פונ 18.000־20.000 קוב. מעטער דער פארנעמ; דער לעצטער פונ זיי איז דער באווּסטער „H—J.“ אפ וועלכנ עס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ די איבערפליִענ פונ גענעראל נאָבילע צומ צאָפנ־פאָל אינ 1926־1928 יאָרנ, וועלכע עס האָבנ זיכ פארענדיקט, ווי עס איז באווּסט, מיט א קאטאסטראָפע בא די ברעגנ פונ שפיצבערגענ.

די ענגלישע דיריזשאבלענ פונ קליינעמ אונ מיטעלנ מינ האָבנ אויכ דורכגעפירט דערפאָלגרײַכע אָפעראציעס בײמ דער מילכאָמע אינ אָפהיטנ די יאמ־שיפנ, אינ קאמפ מיט די אונטערוואסער־שיפלעכ, אינ פאטרולירנ אונ ווײַטער אויסשפירונג. אינ די מיל־

כאָמע־אָרן האָבן די ענגלענדער אויסגעבויט מער פון 200 שיפן,
וועלכע עס האָבן דורכגעפירט ביז 10.000 אויסשפיר־איבערפליִען,
דאָס האָבן בעסאַכאַקל געדויערט בא 90.000 שאָ.
כאַראַקטעריסטיש, אַז בא איבער 2.000 פאַלן, ווען די ענגלישע
דיריזשאַבלען האָבן באַגלייט טראַנספּאָרט־שיפן, האָבן די דייטשישע
אונטערוואַסער־שיפלעך בלויז איין מאָל געפּרוּווט אַטאַקירן די
דאַמפּערס.
די פראַנצויזישע דיריזשאַבלען האָבן אויך גענומען אַן אַקטיוון
אָנטייל אין דער מילכאָמע פון 1914־1918 יאָרן; דערביי, ווען די
דיריזשאַבלען פון מיטלער און קליינער קובאַטור האָבן באַגלייט
די פראַנצויזישע יאַם־שיפן און מיטל־לענדישן יאַם, איז ניט גע־
ווען קיין איין פאַל פון אַן אַטאַקע מיצאַד די אונטערוואַסער־
שיפלעך.
פאַרשטענדלעך, אַז די היינטצייטיקע דיריזשאַבלען, וועלכע
זיינען אין אַלע הינזיכטן אַסאַך מער פאַרפולקאָמט, וועלן אין
ער קומענדיקער מילכאָמע באַקומען אַ נאָך ברייטערע אָנווענדונג
און וועלן זיך אַרויסווייזן פאַר אַן אויסערגעוויינלעך־שטאַרקן
מילכאָמע־מיטל, באַזונדערס, אויב מע זאָל דיסקאָנטירן, אַז שוין
באַם היינטיקן טאָג קאָנען זיי אויספילן די ראָלע פון אַוויאַ־
טרעגער און טראָגן אַף זיך גאַנצע מאַכנעס אַעראָפּלאַנען.
אַזוי ווי די דיריזשאַבלען זיינען זייער ניט זיכער מיצאַד די
צעשטערונג־אַעראָפּלאַנען, וועלכע קאָנען זיי פאַרניכטן מיט די
אופרייס־קוילן און סנאַריאַדן, דאַרפן זיי אויסגענוצט ווערן
מערסטנטייל אַף די שלאַכט־צירקלען, ווו באַם כוינע זיינען איינ־
גאַנצן ניטאָ קיין צעשטערער אָדער זיי זיינען פאַראַן אין אַ
קליינער צאָל אָדער מע דאַרף זיי אויסניצן צוזאַמען מיט אַעראָ־
פּלאַנען. אָבער דאָס פאַרמינערט ניט די באַדייטונג פון דיריזשאַבל.
אַזאַ דראָענדיקער, באָמבאַרדירנדיקער שלאַכט־מיטל און מיליטער־

דישער טראַנספּאָרט־מיטל, ווי עס איז דער דיריזשאַבל, וועט ברייט אויסגענוצט ווערנ אינ דער מילכאָמע אפנ יאַם אונ טער־קעניש אונ וועט אינ איר שפּילנ ווײַט ניט די לעצטע ראָלע.

די הײַנטצײַטיקע דיריזשאַבל־בויונג.

דער געבורט־אָרט פונ הײַנטצײַטיקער דיריזשאַבל־בויונג איז דײַטשלאַנד, וואָס איז נאָכ אינ אָנהויב 20־טנ יאָרהונדערטס צוגע־טראָטנ בויענ די ערשטע הארטע דיריזשאַבלענ, האָט געשאַפנ עטלעכע ווערפנ (זאַוואָדנ), אונ נאָר אפ איינ הויפּט־ווערפ אינ פרידריכסהאַפענ האָט זי ארויסגעלאָזנ ביזנ אָנהויב פונ דער אימ־פּעריאַליסטישער מילכאָמע אינ 1914 יאָר 25 שיפנ פונ פארשיי־דענעמ פארנעמ. דידאָזיקע ווערפנ האָבנ באַוויזנ אינ די יאָרנ פונ מילכאָמע אופצובויענ 89 דיריזשאַבלענ, די אומיטלבאלע פאָר־גייער פונ די איצטיקע 2 גיגאַנטנ „ל. צ.—126" (ער איז איבער־געגעבנ געוואָרנ אינ העסקעמ מיטנ ווערסאַלער אָפּמאַכ די פאַר־רייניקטע שטאַטנ פונ אמעריקע אינ 1924 יאָר אונ איז אָנגערופנ געוואָרנ „לאָס־אַנדזשעלאָס") אונ „ל. צ.—127", וועלכער איז אָנ־גערופנ אפנ נאָמענ פונ גרינדער פונ דער דײַטשישער דיריזשאַבל־בויונג „גראַפ צעפעלינ".

אויסער דײַטשלאַנד האָט זיכ די בויונג פונ דיריזשאַבלענ (אונ אעראָסטאַטנ) נאָכ ביז דער מילכאָמע אָנגעהויבנ אינ פראַנקרײַכ, איטאַליע אונ ענגלאַנד.

ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע איז צוגעטראָטנ צו דער דירי־זשאַבל־בויונג אויכ דאָס צאַרישע רוסלאַנד.

די לעצטע שיפ, וואָס איז אופגעבויט אפ פרידריכסהאַפענער ווערפ, איז געווענ דער דיריזשאַבל „גראַפ צעפעלינ". ער איז

ארויסגעפלויגן אין א דויערנדיקער רייזע צום ערשטן מאָל דעם 9־טן סענטיאבער 1928.

דערדאָזיקער דיריזשאבל האָט א פארנעם פון 105 ט. קוב. מעטער: די לענג—235 מעטער און די גרעסטע ברייט 39,5 מעטער, ער איז באזאָרגט מיט 5 מאָטאָרן (צו 530 פערד־קראפט). וועלכע ווערן באהייצט מיט פליסיקער באהייצונג—בענזאָל און ספעציעלן גאז „בלוי־גאז". די הייב־קראפט פון דיריזשאבל איז 107 טאָן, די קאָמערציעלע אָנלאָדונג—20 פאסאזשירן און 15 טאָן מאסע די ווײַטקייט פון פליען איז 6.250 קילאָמעטער. די שנעלקייט פון פליען—110־129 קילאָם. א שאָ.

פאר איין יאָר צײַט (פון 9־טן סענטיאבער 1928־טן יאָר ביז נאָיאבער 1929 יאָר) האָט דער „גראף צעפעלין" דורכגעמאכט 50 איבערפליען, וועלכע עס האָבן בעסאכאקל געדויערט 1.186 שאָ און אט א מעהאלעך פון 116 טויזנט 935 קילאָמעטער. דערביי האָבן אין די איבערפליען אָנטיילגענומען 1.275 מאן (אין דער צאָל דער עקיפאזש) און עס איז איבערגעפירט געוואָרן 4.882 קילאָגראם מאסע.

אין דער צאָל פון די אָנגעוויזענע איבערפליען גייט ארײַן דער איבערפלי ארום דער וועלט, וועלכן עס האָט דורכגעמאכט דער „גראף צעפעלין" פון 15־טן אווגוסט ביז דעם 4־טן סענטיאבער 1929 יאָר; געפינענדיק זיך אין וועג 20 מעסלעס און 4 שאָ, האָט דער דיריזשאבל פארבראכט אין לופט 283 שאָ, ער האָט דורכגעמאכט 34.000 קילאָם. מיט א דורכשניטלעכער שנעלקײַט פון 115 קילאָם. א שאָ און איז ארומגעפלויגן אייראָפע, צאָפן־אזיע (איבער ס.ס.ס.ר.), שטילן אָקעאן, צאָפן־אמעריקע און אטלאנטישן אָקעאן.

אין דעמדאָזיקן איבערפלי האָט דער „גראף צעפעלין" געשלאָגן דרײַ לופט־שווימענדיקע וועלט־רעקאָרדן: די דויערהאפטקײַט פון איבערפלי אָן אראָפלאָזן זיך,—100 שאָ מיט 35 מינוט, די ווײַט־

קײַט פֿון איבערפֿלי אַף אַ גלײַכער ליניע—11.247 קילאָמעטער (פֿרידריכסהאַפֿען—יאַפּאָניע) און די שנעלקײַט פֿון פֿליִען—127,5 קילאָמעטער אין אַ שאָ (אַמעריקע—אײראָפּע).

נאָך דעמדאָזיקן באַרימטן איבערפֿלי האָט דער דיריזשאַבל אין מײַ 1930 יאָר דורכגעמאַכט אַ נײַעם איבערפֿלי אַרום דעם אַט־לאַנטישן אָקעאַן אין מעשעך פֿון 18 טעג, לויטן מאַרשרוט פֿריד־ריכסהאַפֿען — ריאָ־דע־זשאַנײראָ (הויפּט־שטאָט פֿון בראַזיליע), ניו־יאָרק — פֿרידריכהאַפֿען, דורכפֿירנדיק אַף אַזאַ אופֿן דעם ערשטן געלונגענעם פּרוּוו פֿון אַ ספּעציעלער פּאָטשט־פּאַסאַזשיר־קאָמוניקאַציע פֿון אײראָפּע אין דאָרעם־אַמעריקע, פֿון דאָרעם־אַמעריקע אין צאָפֿנדיקער און פֿון צאָפֿן־אַמעריקע אין אײראָפּע.

פֿאַר צוויי יאָר אַרבעט האָט דער „גראַף צעפּעלין״ געהאַט בע־סאַכאַקל דרײַ מאָל קלײנע צעשעדיקונגען, וואָס עס באַשטעטיקט באַזונדערס די גרויסע זיכערקײַט פֿון דיריזשאַבלען.

די ערשטע צעשעדיקונג פֿון אײנעם מאָטאָר־גאָנדאָלע איז פֿאָר־געקומען אין סאָקיִאָ, צוליב דער ניטדערפֿאַרנקײַט פֿון דער קאָמאַנדע, וואָס האָט אַרויסגעפֿירט דעם דיריזשאַבל פֿון עלינג (ספּעציעלע געבײַדע); דעם דיריזשאַבל האָט מען טײקעף פֿאַריכט אַפֿן אָרט.

די צווייטע צעשעדיקונג פֿון סטאַביליזאַטער—בײַם אַ שטורעם, באַם דורכמאַכן דעם ערשטן איבערפֿלי איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, איז פֿאַריכט געוואָרן אַפֿן אָרט בײַסן פֿליִען.

בא דער דריטער צעשעדיקונג, ווען עס זײַנען קאַליע געוואָרן די מאָטאָרן, בײַם דעם נײַעם איבערפֿלי איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן, האָט זיך דער דיריזשאַבל אומגעקערט אין נאָענטסטן עלינג און איז שנעל פֿאַריכט געוואָרן.

פֿאַר דער לעצטער צײַט איז די פֿרידריכסהאַפֿענער ווערפֿט צו־געטראָטן בויען נײַע 2 דיריזשאַבלען „ל. צ.—128״ און „ל. צ.—

129" מיט א פארנעם צו 150.000 קוב. מעטער, מיט אן אָנלאָדונג פון 100 פאסאזשירן און 20 טאָן מאסע און מיט א פלי־שנעלקייט פון 150 קילאָמעטער.

צום אונטערשייד פון דייטשלאנד איז ענגלאנד צוגעטראָטן בויען האַרטע דיריזשאבלען ערשט באם סאמע אָנהייב פון דער אימפּע־ריאליסטישער מילכאָמע, און האָט פאנאנדערגעוויקלט א ברייטע בויונג בייס דער מילכאָמע, נאָכפאָלגנדיק די דייטשישע מוסטערן.

נאָך דער מילכאָמע, באנייענדיק די דיריזשאבל־בויונג, האָבן די ענגלענדער אין 1926 יאָר אָנגעהייבן בויען 2 גרויסע שיפן: „ר.—100", לויטן טיפ פון די לעצטע דייטשישע צעפעלינען, און „ר.—101". וועלכער האָט, לויטן פראָיעקט פון אינזשענער ר י ־ ט ש אָ מ אָ נ ד, געדארפט איבערשטייגן די דייטשישע דיריזשאבלען.

דער דיריזשאבל „ר.—100" האָט א פארנעם פון 140.000 קוב. מעטער: די לענג—212,7 מעטער און די ברייט—39,9 מעטער. ער איז באוואָרנט מיט 6 בענזין־מאָטאָרן צו 650 פערד־קראפט יע־דערער.

די הייב־קראפט פון דיריזשאבל איז 155 טאָן, די אָנלאָדונג—100 פאסאזשירן און 10 טאָן מאסע, די ווייטקייט פון איבערפלי אין 6.000 קילאָמעטער, די שנעלקייט פון פליען—132—120 קילאָ־מעטער אין א שאָ.

ניט קוקנדיק אף דעם, וואָס די קאָנסטרוקציע פון דיריזשאבל „ר.—100" איז פארהעלטנישמעסיק שווערער פון „גראף צעפעלינ" (די וואָג פון „ר—100" איז גרעסער פון דער וואָג פון „ל. צ.—127" אף 56 טאָן), האָט ער צוזאמען מיט דעם אזא גרויסע הייב־קראפט, אז ער האָט דערלאנגט א וועלט־רעקאָרד פון אלגעמיינעם מאסע־אופהויב—72 טאָן.

א באזונדער אופמערקזאמקייט פארדינט דער דיריזשאבל „ר—101". ער האָט געהאט א פארנעם פון 141.600 קוב. מעטער

די לענג—219.6 מעטער, די גרעסטע ברייט—39,6 מעטער אונ איז געווענ באזאָרגט מיט 5 נאפט־מאָטאָרנ צו 585 פערד־קראפט יע־דערער. זײַנ הייב־קראפט—150 טאָנ, די אָנלאָדונג—53 פאסאזשירנ אונ 7 טאָנ מאכע; די ווײַטקײַט פונ פליִענ—בעסאכאקל 3.000 קי־לאָמעטער (בא דער געגעבענער אָנלאָדונג האָט ער ניט געקאָנט נעמענ מער ברענ־מאטעריִאלנ), די שנעלקײַט פונ פליִענ—103—102 קילאָמ. א שאָ.

אפנ דיריזשאבל „ר.—101" זײַנענ צומ ערשטנ מאָל אוועקגע־שטעלט געוואָרנ נאפט־מאָטאָרנ, אזוי ארומ האָט ער באנוצט אינ אלגעמיינ אסאכ ווייניקער לויט וואָג ברענ־מאטעריִאלנ. אָבער דאָס פארקלענערנ דעמ זאפאס ברענ־מאטעריִאלנ האָט קימאט ניט געהאט קיינ שומ באדײַטונג, ווײַל די מאָטאָרנאלנ אליינ זײַנענ געווענ זייער שווערע (שווערערע פונ יענע אפ 10 טאָנ).

כוצדעמ האָט דער אינזשענער ר י ט ש מ אָ נ ד באנוצט אפ מאכנ דעמ קארקאס א באזונדערס לײַכטע אוויִאָ־שטאָל, אָנשטאָט דיורא־ליומיני, וואָס איז באנוצט געוואָרנ אפנ „ל. צ.—120" אונ „ר.—101", נאָר ער האָט אזוי פארגרעסערט די צאָל טיילנ, אז דער קארקאס האָט זיכ ארויסגעוויזנ שווערער אפ 11 טאָנ.

אינ רעזולטאט האָט די וואָג פונ דער קאָנסטרוקציע „ר.—101" זיכ ארויסגעוויזנ שווערער אינ פארגלײַכ מיט „ר.—100" אפ 21 טאָנ.

דאָס האָט זייער שטארק פארקלענערט זײַנ לאסט־אופהייב, שנעלקײַט, ווײַטקײַט פונ איבערפליִ אונ האָט פארערגערט זײַנ אָנפירונג.

ניט געקוקט אפ דער אײַנריכטונג פונ א נײַעמ צוגאָב־שניט אונ אפנ פארגרעסערנ די גאז־באלאָנענ, וואָס עס האָט פארגרע־סערט די אופשטײַג־קראפט אפ 19 טאָנ, איז דער דיריזשאבל „ר.—101" אומגעקומענ דעמ 5־טנ אָקטיאבער 1930 יאָר אינ

פראנקרײַך, לעבן דער שטאָט באָווע, בעסאבאקל בלויז נאָך עט־לעכע שאָ פון אן איבערפלי קײן אינדיע.

ארײַנגעכאפט זיך אונטערן רעגן, װעלכער האָט „צוגעדריקט" די שיפ צו דער ערד, איז דער צו שװערער דיריזשאבל, װעלכער איז דערצו נאָך אָנגעפירט געװאָרן פון א ניטדערפארענער קאָמאנדע, אָפגעשלײַדערט געװאָרן צו דער ערד צוליב א קלאפ פון א שטארקן װינט, צוזאמענגעשטויסן זיך, אופגעפלאמט און פארברענט געװאָרן. צוזאמען מיט אים זײַנען אומגעקומען בא 50 מענטשן, דער ענגלישער אװיאציע־מיניסטער לאָרד טאָמסאָן און דער דירעקטער פון דער ענגלישער ציװילער אװיאציע — דער װיצע־מארשאל ברענקער, װעלכע האָבן זיך געײַלט צו פארװירקלעכן די פלענער פון ענגלישן אימפעריאליזם אפ פארײַניקן מיט א לופט־װעג ענגלאנד מיט אירע אמװײַניקסטנס זיכערע אינדישע קאָלאָניעס.

דער אומקום פון אָט דעם דיריזשאבל באטײַט אָבער ניט קײן קאטאסטראָפע פון לופט־פליערײַ, דאָס באטײַט נאָר, אז דער ניט־געלונגענער פרוװ־דיריזשאבל האָט ניט געדארפט אויסגענוצט װערן אפ גרויסע איבערפליען. אין ניטדערפארענע הענט האָט אזא דיריזשאבל ניט געקאָנט אויסמײַדן קײן אומקום.

בא איצטיקן טאָג הײבט ענגלאנד אָן צו בויען פון א 14 מאָטאָריקן דיריזשאבל מיט א לענג פון 283 מעטער אפ 400 פאסאזשירן.

די פארײַניקטע שטאטן פון אמעריקע זײַנען צוגעטראָטן צו לופט־שװימערײַ־בויונג שפּעטער פון די אײראָפּעיִשע לענדער, און דעריבער האָבן זײ פאר זיך געשטעלט די אופגאבע „איבערכאפן אפן גאנג" דעם בעסטן דײַטשישן פרוװ און אויסנוצן אים פאר זיך.

באקומענדיק אין 1924־טן יאָר דעם דיריזשאבל „ל. צ. — 126" און באװאָרנט זיך מיט דער טעכנישער הילף פון עקענערן, דעם אָנ־

פירער פון פרידריכסהאפענער ווערפט, האָבן די פאַרייניקטע שטאַטן געשאַפן אין אַ ק ר אָ נ אַ ווערפט („גודיער־צעפּעלין") און האָבן אָנגעהויבן בויען 2 סאַמע מעכטיקע אין דער וועלט האַרטע דיריזשאַבלען „צ. ר. ס.—4" און „צ. ר. ס.—5", מיט אַ פאַרנעם לעערעך 184 און 196 טויזנט קוב. מעטער און מיט אַ שרויפ־מאָטאָרישער גרופּע צו 4.800 פערד־קראַפט יעדערער. די אַמעריקאַנישע לופט־גיגאַנטן, ווי די נייַע דייטשישע שיפן, דאַרפן פאַרטיק ווערן אין משך פון 1931 יאָר.

כוצדעם פירן די אַמעריקאַנער אַן אָנגעשטרענגטע פּרווו־אַרבעט אַף בויען רייַן־מעטאַלענע דיריזשאַבלען. שוין אין 1928 י. האָט זיך דעם אַמעריקאַנער אינזשענער ס ל י י ט אײַנגעגעבן אויסבויען אַ רייַן־מעטאַלענעם פּרווו־דיריזשאַבל מיט אַ פאַרנעם פון 9340 קוב. מעטער: די לענג—64,6 מעטער, די גרעסטע ברייט—17,6 מעטער, מיט דער אַלגעמיינער אָנלאָדונג—3.1 טאָן, מיט דער שנעלקייט בא 110 קילאָם. און מיט אַ שרויפ־מאָטאָרישער גרופּע אין באַשטאַנד פון 7 דאַמפּ־טורבינעס (איינע—400 פערד־קראַפט, צוויי צו 40 פערד־קראַפט און 4 צו 10—8 פערד־קראַפט).

אין 1929 האָט אַ צווייטער אַמעריקאַנישער אינזשענער ע פּ ס אָ נ אויסגעבויט אַ רייַן־מעטאַלענעם דיריזשאַבל „צ. מ. ס.—2" מיט אַ פאַרנעם פון 5.660 קוב. מעטער, מיט אַ הייב־קראַפט—5.565 קילאָגראַם, אַלגעמיינעם לאַסט־אופהייב פון 1.520 קילאָגראַם, ווייַטקייט פון פליִען—1.000 קילאָם., די שנעלקייט—75—קילאָם. אַ שאָ און שרויפ־מאָטאָרישער גרופּע—צוויי מאָטאָרן צו 220 פערד־קראַפט.

—

דידאָזיקע דיריזשאַבלען זייַנען פּרווו־דיריזשאַבלען, נאָך וועלכע עס וועלן זיך טייקעף באַווייַזן מער גרעסערע און פאַרפולקאָמטע רייַן־מעטאַלענע לופט־שיפן.

סאָוועטישע דיריזשאבלענ-בויונג.

יארשענענדיק פונ דעמ אלטנ רוסלאנד א זייער שוואכ־אנט־וויקלטע אינדוסטריע ביכלאל אונ א פולקאָמ נישטיקע אוויאציע—לופט־שווימעריי־אינדוסטריע ביפראט, איז דער פראָלעטאריאט פונ סאָוועטנפארבאנד געווענ געצוווּנגענ אָנהייבנ די אוויאציע־בויונג אפדאָסניי. פאר דער קורצער צייט האָבנ מיר דערגרייכט די גרעסטע דערפאָלגנ אפנ געביט פונ אעראָפּלאנ־אונ מאָטאָר־בויונג.

וואָס איז שייך אוויאציע, האָט פ. ס. ס. ר. אינ דעמ אופ־שטעלונג־פעריאָד פונ דער פאָלקווירטשאפט געקאָנט פירנ אנ ארבעט נאָר אינ דער בויונג פונ ווייכע דיריזשאבלענ.

צו אזעלכע געהערט דער איינמאָטאָריקער דיריזשאבל „כימיק־רעזינשטשיק" מיט א פארנעמ לעערעכ 2.500 קוב. מעטער, וועלכער האָט דורכגעמאכט עטלעכע איבערפליִענ אונ איז אומגעקומענ פונ צופעליקע סיבעט אינ 1928 יאָר, אונ אייגנצייטיק דער דיריזשאבל „קאָמסאָמאָלסקאיא פראוודא" מיט א פארנעמ פונ 3.000 קוב. מעטער, וועלכער איז אויסגעבויט געוואָרנ לויט דער איניציאַטיוו פונ דער צענטראלער קאָמיוגישער צייטונג אונ וועלכער האָט דורכגעפירט א ריי גלענצנדיקע איבערפליִענ.

דידאָזיקע קליינע ווייכע לערנ־דיריזשאבלענ האָבנ געשפילט ניט קיינ קליינע ראָלע אינעמ צוגרייטנ פליִער־קאדרענ.

אינ דער איצטיקער צייט קאָנ אונדזער לאנד צוטרעטנ אוועקשטעלנ א גרויסע דיריזשאבל־בויונג, אונדזער אינדוסטריע האָט דערגרייכט קאָלאָסאלע דערפאָלגנ, אונדזער פראָדוקציע פונ אוויא־אליומיני, דעמ אזויגערופענעמ „קאָלטשוק־אליומיני" אונ אנטשפרעכנדיקע מיניט שטאָל. פ. ס. ס. ר. פארמאָגט די רייכסטע זאפאסנ פונ ניטאופלאמענדיקנ גאז—העלי, וועלכער קאָנ אויסגענוצט ווערנ פאר די דיריזשאבלענ, אונ לעסאָפ איז אונדזער גאנצע

אינדוסטריע אפ אזויפיל שטארק, אז זי איז פעיק פולקאם דער־פאלגרייכנ זיכ ספראווענ מיט דער בויונג פונ גרויסע, הארטע אונ ריינ־מעטאלענע דיריזשאבלענ.

לויטנ מוסטער פונ די אמעריקאנער, דארפנ מיר „איבערכאפנ אינעם גאנג" דעם מער פארגעשריטענעם טעכ־נישנ ברוך אינ דער הארטער דיריזשאבל־בויונג, אנווענדנ אונ פאר זיכ, דערשלאגנ זיכ א פארשנעלערונג אינ דער זאכ פונ אינעקשטעלנ אינדוער דיריזשאבל־בויונג, אונ דער־גרייכנ גרויסע דערפאלגנ אינ דער זאכ פונ דער ריינ־מע־טאלענער דיריזשאבל־בויונג.

דער אנטייל פונ די ברייטסטע ארבעטנדיקע מאסנ אינ פאליטישנ אונ ווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ לאנד; דער סאציאליסטישער געוועט אונ מעטאדנ פונ שלאג־ארבעטער — דאס אלצ איז א באווארעניש, אז די אויפגאבע וועט אויסגעפילט ווערנ אינ סאמע קירצסטנ טערמינ.

עס איז נייטיק שאפנ אזא לופט־שווימער־ווערפ, וועלכע איז פעיק ארויסלאזנ יערלעכ א באשטימטע צאל דיריזשאבלענ, זיכער די ווערפ מיט די אנטשפרעכנדיקע לאבאראטאריעס אונ קאדרענ, אויסשטאטנ באדזאוואדנ, ארגאניזירנ איבערנ גאנצנ לאנד די נייטיקע איינריכטונגענ: עלינגענ אונ צושווים־פונקטנ.

אט די גאנצע ארבעט קאנ דורכפירנ נאר א ספעציעלע ארגאניזאציע — „דיריזשאבל־בוי", וועלכע דארפ שנעל דורכ־פירנ אנ ארבעט אפ פראיעקטירנ אונ בויענ די אלע נייטיקע קאפיטאלע איינריכטונגענ, פאנאנדערוויקלענ עקספערימענ־טאלע אונ א סעריעס מעסיקע בויונג פונ הארטע אונ ריינ־מעטאלענע לופט־שיפנ פונ מיטעלנ אינ גרויסנ פארנעם, ארגאניזירנ די צוגרייטונג פונ העכערע, מיטעלע אונ דורכ־שניטלעכע קוואליפיצירטע קאדרענ.

צו וואָס זײַנען אונדז נייטיק דיריזשאַבלען.

פאַרמאָגנדיק די גרעסטע אין דער וועלט טעריטאָריע און פאַר־נעמענדיק אַ זעקסטכײלעק פונעם גאַנצן ערדקויל, האָט דער סאָ־וועטנפאַרבאַנד אַ גרויסע נייטיקײַט אײַנצושטעלן אַ שנעלע פאַ־סאַזשיר־פּאָסט און לאַסט־פאַרבינדונג צווישן צענטער און די ווײַטסטע פונקטן. די רעפּובליקאַנישע און אינדוסטריעלע קניפּ־צענטערס. די דאָזיקע ערשט־קלאַסישע טראַנספּאָרט־אויפגאַבעס, ווי אין הינזיכט פון פּאַסאַזשיר־און פּאָסט־איבערפירונגען, אַזוי אויך אין הינזיכט פון איבערפירן פאַרשיידענע מאַסעס, אין דער ערשטער ריי גאָלד, רויכוואַרג, מעדיציניש און אַנדערע קאָסט־באַרע זאַכן — קאָן אויספילן דער מעכטיקער דיריזשאַבל־פלאָט. אָט פאַרוואָס דער סאָוועטנפאַרבאַנד דאַרף האָבן אַ מעכטיקן דירי־זשאַבל־פּאַרק.

די טראַנספּאָרט־ראָלע פון די לופט־שיפן וואַקסט פון יאָר צו יאָר. בלויז אין איין 1928 יאָר איז צווישן ענגלאַנד און אייראָפּע (דורכן קאַנאַל, וועלכער טיילט אָפּ די בריטאַנישע אינדזלען פון קאָנטינענט) אָפּ ענגלישע עראָפּלאַנען איבערגעפירט געוואָרן קאָסטבאַרע מאַסעס, וואָס האָבן אַ ווערט פון 22 מיליאָן רובל, און אין אַליאַסקע (צאָפן־טייל פון די פאַראייניקטע שטאַטן) און אין צאָפן־קאַנאַדע (צאָפן־אַמעריקאַנישע קאָלאָניע פון ענגלאַנד) ווערט אָפּ עראָפּלאַנען ווינטער איבערגעפירט קימאַט די גאַנצע רויכ־וואַרג.

פאַרשטענדלעך, אַז די דיריזשאַבלען קאָנען איבערפירן קאָסט־באַרע מאַסעס מערער ווי די עראָפּלאַנען, דערהויפּט נאָך, וואָס אַפילו די גרעסטע ענגלישע עראָפּלאַנען, וועלכע זײַנען אַרויס־געלאָזן געוואָרן אין 1929־30 יאָרן, הייבן אויף ניט מער פון 10 טאָן מאַסע און פירן איבער אַזעלכע מאַסעס ניט מער ווי־ אַס

א מעהאלעכ פונ איינע—ביז צוויי טויזנט־קילאָמעטער. כוץ דעם קאָנענ די דיריזשאבלענ אויסנוצנ ווערנ אפ אריבערפירנ פאר־שיידענע מאשינעס אונ אפילע גאנצע איינריכטונגענ דירעקט פונ פראָדוקציע־אָרט, פונ די אלטע אינדוסטריעלע ראַיאָנענ, אינ די נײַ־געשאפענע אינדוסטריעלע צענטערנ. אונ לעסאָף, ווי עס בא־ווײַזנ די אויסרעכענונגענ פונ 2 דײַטשישע עקאָנאָמיסטנ (קאסטער אונ גרונטהעוו), איז דער טראנספּאָרט אפ די דיריזשאבלענ אסאך ביליקער ווי אפ די עראָפּלאנענ. לויט זייערע אויסרעכענונגענ, אפ דער גרויסער לופט־ליניע צווישנ אייראָפּע (בערלינ) אונ דאָ־רעמ־אמעריקע (בוענאָס־איירעס אונ ארגענטינע), אפ א מעהאלעכ פונ 12.300 קילאָמעטער, בא א גלײַכער קאָסט פונ די גרונט־קא־פּיטאלע אריינלייגונגענ אינ דער אויסשטאטונג אפנ אָרט אונ אינ די באוועגלעכע טיילנ, וועט דער קאָסט פונ עקספּלואטירנ דירי־זשאבלענ זיכ ארויסווײַזנ אפ 11,7 מיליאָנ מארק ביליקער ווי באם אויסנוצנ עראָפּלאנענ (פאר דיריזשאבלענ 18,7 מיליאָנ מארק, פאר עראָפּלאנענ—30,5 מיליאָנ מארק).

האָבנדיק א מעגלעכקײַט זיכ אריבערוואַרפנ פונ איינ עק פאר־באנד אינ צווייטנ אָנ אנ אָפּשטעל, פליענדיק אינ גלײַכע ריכטונ־גענ דורכ בערג, וועלדער, בלאָטעס, אָזערעס אונ יאמענ, וועלנ די דיריזשאבלענ זײַנ יענע מעכטיקע אויפהייב־קראנענ אָדער בריקנ, וועלכע וועלנ פארבינדנ די סאמע פארוואָרפנסטע טיילנ פונ פ. ס. ס. ר. אונ וועלנ נאָכ מער פארייניקנ אונדזער גיגאנטיש לאנד, אינ וועלכנ עס גייט טאָג אונ נאכט די גרויסע בויונג פונ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט.

די גרויסע סאָוועטישע לופט־גיגאנטנ וועלנ אויכ שפּילנ א קאָלאָסאלע ראָלע אינ פאל פונ אנ אָנפאל פונ די וועלט־אימפּעריאליסטנ אפ דער סאָוועטנ־מעלוכע. פארייניקנדיק

צווישנ זיכ די כאמע ווײַטסטע רויטע פראָנטנ, וועלנ די
סאָוועטישע דיריזשאבלענ ארויסרוקנ א קאָלאָסאלע הילפ
סײַ די טײלנ פונ דער רויטער ארמײ אפ דער טריקעניש,
סײַ דעמ מיליטערישנ יאמ-פלאָט, סײַ די שלאכט-אָטריאדנ
פונ דער רויטער אוויאציע.

אָט פארוואָס די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פויערימ פונ דער
ערשטער אינ דער וועלט סאָציאליסטישער מעלוכע, וועלכע איז
פארנומענ מיט סאָציאליסטיש איבערבויענ סײַ די אינדוסטריע, סײַ
די לאנדווירטשאפט (אינדוסטריאליזאציע אונ קאָלעקטיוויזאציע),
דארפנ נייטיק האָבנ מעכטיקע הײַנטצײַטיקע דיריז-
שאבלענ: זיי וועלנ פארשנעלערנ אונ פארגרינגערנ
גערנ די בויונג פונ דער סאָציאליסטישער גע-
זעלשאפט אונ וועלנ מיט קאָוועד דינענ דער זאכ
פונ פארטיידיקנ די סאָוועטישע גרענעצנ.

דערלאנג סאָוועטישע דיריזשאבלענ!

די סאָוועטישע געזעלשאפטלעכקײַט אינ פערזאָנ פונ אָסאָאוויא-
כימ האָט דורכגעפירט א קאָלאָסאלע ארבעט אפנ געביט פונ אגי-
טאציע אונ פראָפאגאנדע פאר דער סאָוועטישער דיריזשאבל-בוי-
ונג. אדאנק די אָנשטרענגונגענ פונ דער סאָוועטישער געזעל-
שאפטלעכקײַט זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ די דיריזשאבלענ: „כי-
מיק—רעזינשטשיק" אונ „קאָמסאָמאָלסקאיא פראוודא". עס זײַנענ
דורכגעפירט געוואָרנ לופט-געוועטנ, וועלכע האָבנ געגעבנ א רײַכע
דערפארונג אונ פראקטיק דער קלײנער צאָל קאָמאנדע-טוער.

דעמ 1930 יאָר דארפ מענ רעכענענ פאר א יאָר פונ איבער-
ברוכ, ווײַל דער יאָר לייגט אנ אָנהויב פאר דער סאָוועטישער

דער דייטשישער הארטער דיריזשאבל ל. צ. 127ן—.גראם צעפעלין פליט
איבער דער באדענער אזערע.

דיריזשאבל־בויונג. גראָד איצט, ווען אין אויסלאנד זײַנען שוין אויסגעפונען קלאָרע אנטוויקלונג־וועגן פון לופט־פּליִערײַ אין פאָרם פון הארטער און ריין־מעטאלענער דיריזשאבל־בויונג, איז אונדזער לאנד צוגעטראָטן הארט צו דער ארבעט.

די איניציאַטאָרן פון דער ברייטער סאָוועטישער לופט־שיף־בויונג איז געווען די סאָוועטישע געזעלשאפטלעכקייט. נאָכדעם, ווי עס האָט באַוויזן מאָסקווע איינער פון די בעסטע דײַטשישע דיריזשאבלען „ל. צ.—127“, האָט דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער באָלשעוויסטישער פארטיי „פּראַוודאַ“ זיך געווענדעט דעם 11־טן סענטיאבער 1930 מיט א קאמף־ווענדונג צו דער סאָוועטישער פּרעסע און פּראָלעטארישער געזעלשאפטלעכקייט אָנהייבן זאמלען מיטלען אַף דעם סאָוועטישן דיריזשאבל „פּראַוודאַ“. דער פּראָלעטארישער פאָעט דעמיאַן בעדני האָט זיך געווענדעט מיט א באַוווסטער ליד „כאָראָשאַ מאַשאַ, דאַ ניע נאַשאַ“, אָנווײַזנדיק אַף דעם, אז דער דײַטשישער דיריזשאבל איז גוט, נאָר שוין צײַט, אז מיר זאָלן האָבן אייגענע גוטע דיריזשאבלען.

די ווענדונג פון „פּראַוודאַ“ איז טייקעף אונטערגעכאפּט גע־וואָרן דורך דער גאַנצער סאָוועטישער פּרעסע און אין דער ער־שטער ריי פון „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ“, „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ“, „סאָציאַליסטישעסקאָיע זעמלעדעליִע“ א. אנד. צײַטונגען. דעמיאַ־נען האָבן די פּראָלעטאריער פון סאָוועטנפארבאנד געענטפערט— „מאַשאַ וועט זײַן אונדזערע“.

דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער רויטער ארמיי,— „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ“, אפן ארויסרוף פון „פּראַוודאַ“, האָט געשטעלט די פּראַגע וועגן דעם, אז מע זאָל שאפן א צווייטן דיריזשאבל אפן נאָמען פון העלדישן פירער פון דער ארבעטער און פּויערישער רויטער ארמיי—„קלים וואָראָשילאָוו“.

האָראָשילאָוו איז ניט לאַנג געוואָרן 50 יאָר. די בויונג פון

דיריזשאַבל אפ זײַנ נאָמענ וועט זײַנ די בעסטע מאַטאָנע צומ העלדישנ יובילײ פונ דער רויטער אַרמײ.

די צײַטונג „סאָציאַליסטישעסקאָיע זעמלעדעליע" האָט אַרויס־געדרוקט פאַר די קאָלווירטניקעס די פראַגע, אַז מע זאָל אויסבויענ אַ דריטנ דיריזשאַבל „קאָלווירטניק".

דער צענטראַל־סאָוועט פונ אָסאָאַוויאַכימ האָט אָנערקענט פאַר נײטיק אויסבויענ ניט ווײניקער פונ דרײַ דיריזשאַבלענ „פראַוודאַ" „קלימ וואָראָשילאָוו" אונ „אָסאָאַוויאַכימ".

עס איז קײנ סאָפעק ניט, אַז די מיליאָנענ אַרבעטער, רויט־אַרמײער אונ האָרעפּאַשניקעס וועלנ געבנ די נײטיקע מיטלענ, אַז מיר זאָלנ קענענ אויפבויענ די 4 דיריזשאַבלענ. די אויפגאַבע וועט ווערנ וואָס גיכער אונ בעסער אויסגעפילט, ווענ מיר וועלנ אַמ־שנעלסטנ צונויפזאַמלענ די 20 מיליאָנ רובל, וועלכע זײַנענ נײטיק פאַר דעמ צוועק.

וואָס נעענטער צו דער אַרבעט.

איבער דער גאַנצער סאָוועטישער ערד פירט זיכ דורכ אַ מאַסנ־קאַמפּאַניע פאַר די סאָוועטישע דיריזשאַבלענ. די קאַמפּאַניע האָט אַרומגעכאַפּט צענדליקער מיליאָנענ אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, רויטאַרמײער אונ אָנגעשטעלטע.

אינ דער „לאַנדשוץ־דעקאַדע", וועלכע עס האָט מאָביליזירט די אויפמערקזאַמקײַט פונ דער אַרבעטנדיקער מאַסע אַרומ די אויפגאַבעס אונ דער פּראַקטישער אַרבעט פונ לאַנדשוץ־בויונג פונ פ.ס.ס.ר., דאַרפ אײנער פונ די קאַמפּ־לאָזונגענ זײַנ דער לאָזונג:

„דערלאַנג סאָוועטישע דיריזשאַבלענ!".

מע דאַרפ טײקעפּ צוטרעטנ צו דער זאַכ.

אין דער צייט, ווען די ארבעטנדיקע מאסן, אקטיווע בויער פון סאָציאַליזם בא אונדז אין לאנד זאמלען ווייערע 50 קאָפּיקעס און רובלס, אָרדענען איינע ספּעציעלע שאבעסניקעס און פארזייען „דיריזשאבל“־העקטארן, דארפן די מעלוכישע און געזעלשאפט־לעכע אָרגאנען פאנאנדערוויקלען די סאמע ענערגישע ארבעט אפ אויסצוגעפינען, פּראָיעקטירן און שאפן די גרונט־אויסשטאטונג פון „דיריזשאבלבוי“.

אָנשפארנדיק זיך אפ דער ריזיקער איניציאַטיוו און שעפערי־שער ענערגיע פון די ארבעטער־שלאָגלער, קאָלווירטניקעס און רויטארמייער, מאָביליזירנדיק זייער אומבאגרענעצטן ענטוזיאזם און ארייננציענדיק אין דער סאָוועטישער דיריזשאבל־בויונג די בעסטע קוויטעס פון סאָוועטנלאנד, קעמפנדיק פאר הויכע טעמפּן און גוטער קוואליטעט פון דיריזשאבל־בויונג, וועט דער סאָ־וועטנפארבאנד אין סאמע קירצסטן טערמין אָניאָגן און אריבער־יאָגן די טעכנישע דערגרייכונגען פון די בורזשואזע לענדער אין דער זאך פון לופטשיפ־בויונג און וועט האָבן זיינע מעכטיקע רויטע דיריזשאבלען.

די ערשטע סאָוועטישע היינטצייטיקע דיריזשאבלען דארפן אָנהויבן פליען איבער דער סאָוועטישער ערד אין 1931 יאָר.

ЦАНА 7 кап.

О. П. 4 о

פרייז 7 ק.

НАЯЎРЭЙСКАЙ МОВЕ

В. ЗАРЗАР. Даеш савецкія дырыжаблі

Беларускае аддзяленьне Цэнтрвыдаву Народаў СССР

13/37170